STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 04691

# FUN MAYN VELT

## Jacob Isaac Segal

*Permanent preservation of this book was made possible*
*by Temaly Jacobs*
*in memory of*
*Ethel Yett*

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

*Lloyd E. Cotsen Trust*
*Arie & Ida Crown Memorial*
*The Seymour Grubman Family*
*David and Barbara B. Hirschhorn Foundation*
*Max Palevsky*
*Robert Price*
*Righteous Persons Foundation*
*Leif D. Rosenblatt*
*Sarah and Ben Torchinsky*
*Harry and Jeanette Weinberg Foundation*
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
*National Yiddish Book Center*

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

י. י. סיגאל

# פון מיין וועלט

לידער

פארלאג „מאנטרעאל"

# מיט דער זון און מיטן פריהלינג

(צו [illegible] מיין חבר ה' גוטענבערג. ח. ריטמאַן)

---

פֿון װעלכע טיפֿן װעל איך אויס זינגען [illegible],
אוי, פֿון װעלכע [illegible]?
די תאווה האָט שוין מיר נאָך הונדערטער באַפֿאַלן, —
און קומט דער װינט אין
מיט שטערן פֿול — דורך װעגן;
איך װעג שטערן מיר; —
צו האָפֿענונג־פֿונק.
אויף טעג װאָס קומען אין מיט זין
אין זומער־קרוינען אויגעלן.
און כּלוב:
איך ספּאַרט דער טאָג מיך אומעטום צו טונקעל־גרויע הויב
און קוקט צו מיר
פֿונק אונטער
מיט שטערן־אויגן [illegible] און לײַכט
ביז [illegible] אונטער נאַכט:

עס האָט דער טאָג זיך פֿאַרמאַסקירט.
איך װײס עס גענוג — און איך לאַך זיך אַלעס.
איך נעם די שטערן [illegible] אין מײַן האַרץ אַרײַן;
און טראָג אין האַרץ די [illegible] [illegible]!

---

25 יוני. 1918
מאָנרעאָל.

.1

* * *

עס האט די נאכט צעריקט איהר לעצטען גרויען פארהאנג:
אין א בלייכען ראזען בעט, איז נאך דער טאג
רער גייגעבארענער געלעגען,
מיט האלב־פערשלאפנע אויגען;
און ניט געריהרט נאך מיט קיין אבר,
ניט באוועגט נאך מיט קיין גליד.

אין ראזע ליילעכער געוויקעלט ציכטיג־ריין,
מיט קלארע ליילעכער ארומגעהילט,
איז ער געלעגען ווי פערטויבט
און לייכט פארשלאפען...

ביסלעכווייז,
מיט שטילער צארטער איינגעהאלטענקייט

האט ער זיך פונם וויקעלשנור א ריהר געטון,
געמאכט א ציטריגע באוועגונג.

אזוי פון מאל צו מאל,
מיט יעדער נייער רגע
מעהר און מעהר זיך אנג'הויבען באוועגען
לייכט און פעדערדיג,
שטיל און מינדקרעפטיג.
באוועגט, באוועגט זיך אין די ראזע ליילעכער;
מיט אנשטרענגונג זיין גאלדען קעפעלע געהויבען,
געהויבען העכער, העכער, ביז עס האט זיך שוין
דערמערקט אן אנבליץ פון זיין ווייסען
זילבערקלארען בלענדענדען געזיכט...

אזוי פאמעליכען האט ער צעוויקעלט אלע ליילעכער,
זיך אויסגעוויקעלט פונם וויקעלשנור,
און איהם פון זיך אראפגעווארפען...
גלייך האט ער זיך פון זיין בעט א ריס געטון,
געווארען ריהרעוודיג און פול־כוחיג,
מיט זיין זילבער־פליגעל פריי א פאך געטון;—
און אין א קלארער ליכטינקייט
האט זיך די שלאפענדיגע וועלט באלד אויפגעכאפט.

דער יונגער טאג דער קינדישער
האט אנגעפאנגען געהן...

* * *

איך בין אזוי צופרידען מיט מיין לעבען!
די גוטע רגע אייביגט אין מיין זין.
דאס שעהנע שפּיעל פון טרוים־פאנטאזיעס וועגען,
דער שעהנער חלום פון מיין הימעל־שטרעבען
מאכט מיך באגליקט,
מיין הארץ זיך קוויקט
און לאכט ווי פריהלינג, צוויטענדיג און גרין.

איך בין אזוי צופרידען מיט מיין לעבען!
די ליידען מיינע זיינען אויבעט שעהן!
עס האט מיר נאך די צייט קיין טאג געגעבען—
אהן נייע הימלען ליכטיגע צו שוועבען,—
אהן טרוימען יונג און ניי,
און איך בין פויגעלפריי
מיין פרייד איז הימליש־אונענדליך. און ריין!

* * *

איך מעג שכור'ן אין גאסען,
און איהר דארפט קיין ווארט ניט זאגען!
אין מיין שכרות האב איך קיינעם
נאך קיין צאהן ניט אויסגעשלאגען.

איך מעג שכור'ן אין גאסען
קוקט איהר צו דאס—דארפט איהר שטומען!
אלע גאסען זיינען מיינע! —
און איך דארף אהיים ניט קומען...

ס'ווארט אויף מיר קיין טרייע וייבעל,
דאס ווארט „פאפא" וועל ניט הערען:—
ס'איז די גוטע נאכט מיין ווייבעל
מיינע קינדער—איהרע שטערען...

וואנדער איך מיט ווייב און קינדער

דורך די נעבט אזוי ארומעט;
מיינע אויגען פינקלען, טונקלען
אויך מיט שטערענפרייד און אומעט...

שטערענפרייד און שטערענאומעט
שפּיגלען זיך אין מיינע טרעהרען,—
— — — — — — —
שטארבען וועל איך ניט ווי איהר דא,
כ'וועל מיין נאכטס א שטערען ווערען...

* * *

איך בין א פרעהליך קינד.
איא בין א פרעהליך קינד,—
אין אפט א פרעהליכער און א פארשייטער ווינט.
און זינג איך פרעהליך
פרעה איך זיך אליין מיט מיינע פרייד-ליעדער.
איהר אין טונקלען טאל
קוקט וואונדערענדיג זיך אויף מיר;
און כ'זעה אין אייערע אויגען אוים:
ווי איינער וואס איז יאהרען לאנג געווען פארשפארט,
אין שטאק געדיכטען חושך און אין נאכט,—
וואלט פלוצלינג אין זיין תפיסה פון דער העלער הוים דערזעהן
דאס גרעסטע ליכט, א וואונדער איז געשעהן!
און איבער טויזענד יאמער־כארען מיט אמאל
האט זיך אין לופטען אויפגעהויבען הויך מיין קלארער קול,
איך שאל ארוים דאס ליד פון גרויסער פרייד,
איך שאל ארוים דאס גרויסע ליד פון פרייד!

איהר קוקט מיך אן און וואונדערט זיך—
איהר קוקט מיך אן און וואונדערט זיך...

* * *

קינדיש בין איך:
אלעס איז ביי מיר א שפּיעל,
כ׳לאך זיך אוים פון אייער ציעל!
כ׳שפּיעל זיך אום מיט אייער ערנסט,
ער איז מיר א שעהנער שפּיעל.

קינדיש בין איך:
אייער פרייד און אייער אומעט
איז פאר מיר א בונטער שפּיעל;
לאך איך הויך און שמייכעל שטיל!

קינדיש בין איך,
און איך שפּיעל זיך...

### אווענט־פרייד.

איך פיהר דאס שיפעל אונזערס גלייך אריין אין פייער־גאלד,
מיר פאהרען ניט געאיילט, און פיהלען אזוי שעהן...
זעה! אונטען דארט אין טייך די זון האלט אין פארגעהן;—
דארט זיצט א מאלער און ער מאלט
מיט א זילבערן פינזעל,
א גאלד־פארחלום׳ט אינזעל,
א גאלד־פארחלומ׳ט אינזעל אין מיטען פון א ים פון זונענגאלד...

קוק! ווייט ביים ברעג האט קלינגענד זיך צולאכט
דער גלאטער שטיין, וואס איז געוועזען ווי א שאטען גרוי,
זעה נור, ווי ער טוישט אין פארבען זיך!
אט ווערט ער גרין, אט רויט, און געל און ווייס און בלוי—
און מיט אמאל—
צופינקעלט ער מיט אלע פארבען, אזוי רייך!
קוקט גדלות׳דיג אריין אין קלארען טייך...

## ליגט זי....

ליגט זי און זי שלאפט נים; נאר די אויגען האלב פארמאכט—
טראכט זי פון איהר שענעם חלום, וואס זי האט געזעהן ביינאכט,
קושט די זון איהר האלז, און ס׳גנב׳עט זיך אריין א יונגער שטראהל
דורך דער אויפגעדעקטער קאלדרע, קושט איהר לוסטיג, לוסטיג אויס
אלע איהרע רונדע גלידער, קושט איהר אין איהר גאנצער גרויס...
און זי ליגט אזוי האלב־שמייכלענד, און זי טראכט, און טראכט און טראכט
— — — — — —
אלע ווינקלען פונ׳ם צימער האבען זוניג זיך צולאכט!
און דער ריח פון איהרע גלידער מישט זיך מיטן דופט פון זון;
ס׳קאן דער אלטסטער קאלטסטער בחור שכור ווערען פון דערפון....

יום טוב.

הײנט איז יום טוב בײ דעם הימעל,
יום טוב׳ט ער א גאנצען טאג מיט פרײד;
װאגט קײן אײנציג װאלקענדעל צו קומען
צו שטערען איהם זײן בלויע טיפע פרײד...

הײנט איז יום טוב בײ דעם הימעל,
פרעהען אלע מיט זײן יום־טוב זיך אצינד:
מאמעס זױגען זײערע קינדער מעהרער,
ס׳פארען זיך אין דרױסען אלע הינט...

הײנט איז יום טוב בײ דעם הימעל,
שײנט די זון ארײן אין טיפסטען טאל...
און מיט שטערען װעט ער זיך אױסציערען
הײנט בײנאכט פיעל מעהר װי אלע מאל...

היינט איז יום טוב ביי דעם הימעל,
און ס'איז יום טוב אויך ביי מיר אצינד,—
היינט איז יום טוב! היינט איז יום טוב
אין די בלויע אויגען פון מיין קינד!

* * *

עס זיינען דא אזעלכע שעהנע טעג אין לעבען,
אהן הימעלבלוי, אהן זון, אהן העלען חן;
די וועלט איז כמורנע, און דאך פיהלסטו זיך
אזוי דערפרישט און אזוי לייכט,
אזוי מיט גליקליבקייט בערייכט;
דאך פיהלסטו זיך אזוי דערהויבען
יום טוב'דיג און שעהן...

און דאן פארגעסטו גאר, פארגעסט אז הימלען
זיינען בלוי, און אז די זון איז העל,—
פארשלאסען זיצסטו אין דיין פרייער איינזאמקייט
און בענקסט נאך קיינעם ניט.
דו האסט קיין איינעם ניט
וואס זאל דיין פרייד פארשטעהן,
דיין יובל'ענדיגע זעל...

מענשען.
עס זיינען דאך פאראן אויף אונזער וועלט אזוי פיעל ליעבע גוטע מענשען,
פון וועמעס מויל ס'איז נאך קיין קללה קיינמאל ניט ארויס;
און זייער ליבע צו דעם מיטמענשען איז אזוי הארציג־גרויס
און זייערע אויגען גלעטען דיך אזוי און צערטלען דיך, און בענשען.
שטענדיג אפען איז די טיר פון זייער היים און זייער הארץ;
און שטענדיג האבען זיי א טרייסטווארט פאר דיין גריזשענדיגען שמארץ.
און שטענדיג זיינען זיי בערייט, א טייל פון זייער רוה און פריד
אוועקשענקען מיט דאנקבארקייט צו דיר, ווען דו ביזט טריב און מיד,
איך בין נאך קיינמאל, קיינמאל נאך געשטאנען נאהענט נעבען זיי,
און קיינמאל האב איך ניט בעטראטען נאך פון זייער היים די שוועל;
בלויז פון דער וויטענס האב איך זיי געזעהן; מיט אלטע ווייסע קעפ ווי שניי,
מיט אויגען פול נחמה־ווייכקייט וואס קוקען אזוי נאכגיביג און העל;
איך האב נאך קיינמאל ניט ווי פריינד די הענט זיי'רע געדריקט
איך זעה זיי אפט אין גאס שפאצירען געהן געארעמט טריט ביי טריט;—
צוויי ליבע אלטינקע, איך קוק זיי נאך, עס ציהט מיין הארץ צו זיי, און ציהט
און ווערט פון זייערע לייכטע טריט אין גאנג געטרייסט און זיס געקוויקט.
איך האב נאך קיינמאל ניט מיט זיי גערעדט: איך וויים אבער אז זיי, אז זיי,
זיי זיינען גוטע מענשען און ריין איז זייער הארץ פון שרעק און זינד,
און האבען יעדען ליב, און בענשען יעדען ווי מען בענשט א קינד,
און טרייסטען האבען זיי פאר אלעמען, נחמות ליכטיגע און זויבערע ווי שניי.

מיידלעך דארפֿן.

מיידלעך דארפֿן תּמיד לאַכן.
לאַכן איז דער פּונק פֿון חן.
מיידעל־אויגן דארפֿן גליהען,
שמייכלען דארפֿן מיידעל־צייהן.

מיידלעך טאָרן זיך נישט זאָרגן
מיידלעך דארפֿן פֿרעהליך זיין.
מיידלעך דארפֿן יום־טוב־זיסקייט
ברענגען אין דער וועלט אַריין

מיידלעך דארפֿן שטענדיג לאַכן,
ווי עס לאַכט אַ קוויט אין טוי:
מיידעל־האָר און מיידעל־הערצער
טאָרן קיינמאָל ווערן גרוי!

פריהלינג

און קומט אן דער שמייכלענדער ליכטיגער
צערטליכער פריהלינג,
דער גרוי־טריבער אומעט פון ווינטער פון בייזען
פארשווינדט
דער הימעל ענטבלויזט זיין שעהן בלויזליכע
שטראהליגע אונשולד,
צווינגט זיך מיין הארץ ווי א קינד.

די טריבקייט, וואס איז אין דער טיף
פון מיין הארצען געלעגען
דערפיהל איך צוגעהן, און מיר ווערט אזוי לייכט,
אזוי לינד,
אזוי ווי דער הימעל ווערט ריין פון די
פינסטערע וואלקענס;
פארטריבען פון שמעקענדען ווינט...

די עהרליכע וועלט מיט די טויזענטער
פריידיגע פראכטען, —
א נייע איז זי! ערשט נאר געבוירען אצינד! —
וויל גלייך מיט די צייטען, אויך
ווערען געענדערט די וועלטען
אזוי גלויבט מיין הארץ, ווי א קינד,

מײַן האַרץ זינגט אַ ליד. אַ קוויִּב און אַ
ליד צו דעם הימעל:
צום לויטערן הימעל וואָס צוויבערט און כּשופט
מיט חן.
דער הימעל, ער לאַכט אַזוי ליב מיר
אַרײַן אין די אויגען,
און זינגט מיט מײַן האַרץ אַזוי שעהן.

דער פֿריהלינג איז קינדיש, איז קינדיש
און גלעט אַזוי צערטליך;
און ס׳ווערט מיר מײַן האַרץ אַזוי פֿעדערדיג לײַכט,
אַזוי לינד.
עס רײַסט זיך מײַן קינדישע זעלע
אַרויף צו אין הימעל;
וויל ווערן דעם הימעלס אַ קינד.

מיין הארץ זאגט מיר.

עס זאגט מיין הארץ מיר אפט: אז איך
וועל שטארבען פריהער פון דיר פיעל;
איך פיהל און וויס עס דאכט זיך זיכער שוין,
דאך זעה!—
איך פרעה זיך ווי א אינגעל נאך
אין לעבענס קינדערשפיעל.

איך האב נישט מורא פארן טויט,
איך האב איהם פיינט אבער ביז גאר.
איך שעלט איהם טויזענט מאל א טאג;
דאך זעה!—
איך בין נאך אינגליש לעבענפול,
דאס הארץ מיינס—זילבערקלאר!

עס זאגט מיין הארץ מיר אפט: אז איך
וועל שטארבען פריהער פון דיר פיעל.
געדענק! ווען איך וועל שטארבען זאלסטו
בעוויינען שטיל מיך, זעהר שטיל.
—אין שעהנע טעג, מיט אונזער קינד
זאלסטו אויפ'ן בית עולם קומען,
אויף מיין קבר
צעווארפען זאלסטו ווייסע בלומען
דאס קינד אוועקזעצען אויף איהם:
און פון די בלומען זאל זי מאבען זיך א שפיעל,
וועט מיין נשמה דאן זיך פרעהען שטיל....

## פריהלינג.

ערגעץ זינגען פייגעל אין די פרייע וועלדער שעהן,
ערגעץ זינגען הערצער פריהלינגדיג און ריין.

ערגעץ האבען בלומען נארוואס אויפגעבליהט,
א דיכטער האט זיך ערגעץ פארשנורט פון זיין ליד.

ערגעץ האט א מיידעל מיט אויגען הימעלבלוי
אין צויבער פונם פריהלינג דערפיהלט אין זיך
„די פרוי"—

און אין נעכט אין לינדע שטיל זיך זיס פארבענקט
און די ערשטע טרוימען זיי אוועקגעשענקט...

זומערגאלד.

.1

ווער לאכט עס אזוי הארציג זיס,
ווער לאכט עס אזוי העל?
די וועלט, די וועלט האט זיך צולאכט!
די וועלט האט זיך צולאכט בעגריסענדיג די געסט
וואס שטעהען ביי איהר שוועל;
וואס קומען פרעהען זיך מיט איהר פארמעג,
זי מונטערט זייער הארץ, און זי דערקוויקט זיי
נאך זייער לאנגען קאלטען ווינטער־וועג...

ווער לאכט עס אזוי הארציג־זיס,
ווער לאכט עס אזוי העל?
די וועלט, די וועלט האט זיך צולאכט!
עס האט בגנבה איהר א קוש געטון דער מיי;
האט זי זארגלאז זיך פארשעמטערייד צולאכט
ווי א יונגע מיידעל אנטועניג צום ערשטען מאל
א לאנגע דאמען־קלייד...

ווער לאכט עס אזוי הארציג־זיס,
ווער לאכט עס אזוי שעהן?

די וועלט, די וועלט האט זיך צולאכט!
זי האט זיך זעלבסט אין איהר צובליטקייט שוין דערזעהן
האט זי זיך צושמייכעלט שעהן-נאאיוו,
ווי א מיידעל וועלכער ס'דעקט זיך פלוצלינג אויף
א פרוויליכער בעגריף...

.2

עס האט דער מארגען אויפגעלאכט;
איך האב פון בעט זיך אויפגעכאפט
האב איך געזוכט, און האב געטאפט
די קישענס פון מיין בעט...
א חלום האט מיך נאך בעוואכט,
א טרוים פון דיר:
א גלעטענדיגע ליכט
האב איך דערשפירט אויף מיין געזיכט
און כ'האב דיך אומגעזוכט אין בעט ביי מיר,
מיט האלב-פארמאכטע אויגען
געזוכט דיך,
און האב דיך ניט געפונען...

— — — — — — — —

דער ערשטער זונענשטראהל האט מיך געגלעט,
דער ערשטער שטראהל האט מיך געקושט;
און איך, פון שעהנעם טרוים בארוישט
האב אויפכאפענדיג זיך, דערזעהן:—
עס שימערט ליכטיג-העל מיין בעט.
מיט אויגען פונם שלאף נאך צוגעקלעפט
און פונם ליכט פארבלענדט

האב איך געקוקט— — — —
געקוקט— — — — —
געמיינט אז דו ליגסט נעבען מיר
און לאכסט— — — —
לאכסט— — — — —

— — — — — — —

און מיט אמאל:
האב איך זיך מיט א פייערינגער לוסט
א ווארף געטון—
און דאס זון-באהעלטע קושען אויסגעקושט!
געדריקט זיך פעסט צו איהר....
און דיך געבענשט...
געבענשט מיט טויזענט ברכות אין דער זיסער רגע
פאר מיין קוויקענדיגער חלום־פרייד...

.3

און איהר האט געלאכט אזוי אונשולדיג־קינדיש,
איהר האט אזוי אונשולדיג-קינדיש געלאכט,
געווען איז א נאכט דאן פון שמייכלענדע שטערען,
פון שמייכלענדע שטערען, א שמייכלענדע נאכט...
אין רוים האט זיך נישט די לבנה געוויזען;
דאס האט נאך פארשענערט די שמייכלענדע נאכט,
דאס האט נאך פארטיפערט איהר טונקעלען כישוף;
און סודות'דיג האט ער איהר שמייכעל געמאכט...

און איהר האט געלאכט אזוי אונשולדיג־קינדיש,

עס האט אייער לאבען די נאכט־רוה דערפרעהט,
און איבער די טיפע און טונקלענדע וועגען
האבען זיך טאנצענדע שאטענס געשפרייט...

.4

גאלדענע וואלקענס אין ענדלאזען הימעל,
גאלדענע טרוימען און ברוסט.
גאלדענע וואלקענס און גאלדענע טרוימען—
ווערען פון זוניגער פריידלוסט געקושט.

גאלדענע טרוימען אין ענדלאזען הימעל,
גאלדיג פארצירט זיך די וועלט.
זעה, ס'האט דער פריהלינג אויפן קבר פון ווינטער
א גאלד'נע מצבה אנידערגעשטעלט!

.5

פון ערגעץ האט א וואלקענכוואליע זיך א יאג געטון
און איינגעשלונגען גיך די אפריל־ווארימקייט,
ביטער האט די קעלט זיך אויף דער וועלט געווארפען:
„א פרעמדער טאג געקומען איז פון ערגעץ ווייט"...

א פרעמדער טאג, ס'האט קיינער ניט געריכט זיך גאר
ווען ס'האט א האלבער חודש, אפשר מעהר—
מיט זון און ווארעמקייט די וועלט געקייבעלט ליב—
מיט ליבע געבט און הימעל־בלוי, און לוסט־באגעהר...

א פרעמדער טאג מיט קאלטע ווינטען ווינט׳ריגע:
דערשראקען האט דאס לאנד זיך באלד פאר זיין;
אינמיטען שעהן־צובליהטען אפריל, האט א טאג געבראכט
מיט זיך, א וואלקען אנגעלאדען שווער מיט שניי.

און אויסגעשאטען האט ער איהם אין נאכט אין פינסטערער,
און האט דעם קינדער־טרוים פון זומער אפגעווישט.
איז דאס לאנד פריהמארגען אויפגעשטאנען, זיך ארומגעקוקט
מיט בליקען וואונדערענדיג־זיך, און צומישט;—

א טאג א פרעמדער האט פארבלאנדזשעט דא
פון לענדער ווינט׳ריגע, און דרעהט זיך דא ארום.
און ערגעץ דארטען אין די לענדער שנייאיגע
זוכט מען דעם טאג אט דעם געווים ארום...

א טאג א פרעמדער און א בלאנדזשענדיגער
ער וועט ניט האלטען זיך; פארנאכט וועט ער געווים
דעם וועג געפינען צו זיין וויטען ווינטערלאנד:
עס וועט זיין ביסעל שניי צוגעהן אונטער די פיס...

.6

דער שמאלער טייך ווינט שטיל זיך אינם אווענטליכען שימער:
דער ראז־צופלאמטער מערב האט פארבלייכט, און עס ווערט קיהל;
א קיהלער ווינטעל האט פון ערגעץ־וואו פארבלאנדזשעט,
און ערגעץ האט א האהן צוקרעהט זיך מיט געפיהל...

דער שמאלער טייך ווינט שטיל זיך אינם אווענטליכען שימער

עס אטעמט אויף דערקוויקט זיין לייכט־גערעגטע ברוסט:
אזויפיעל שעהנע קערפערס, אזויפיעל פרישע קערפערס,
פון פרויען יונג-צובליהטע, האט ער היינט אויסגעקושט...

עס ווינקען קלארע שטערען צו'ן איהם פון ווייטע רוימען,
און סודות'דיג דערטראגט זיך א שארך פון בוימער שטיל.
דער שמאלער טייך וויגט פרום זיך אין אוועגטליכער גרויקייט,
כוואליעט זיך פאמעלעך אין גרויען שאטען־שפיעל...

7.

ווייסטו אז דער פריהלינג איז שוין אנגעקומען
דא צו אונז אין שטאט אריין?—
און האט ער נישט געבראכט קיין פייגעלעך און בלומען—
וועלען מיר פאר איהם די בלומען זיין,
וועט ער אונז מחיה זיין...

וועט ער אונז מיט זיינע ווינטלעך גלעטען,
וועלען מיר צובליהען זיך נאך מעהר.
וועלען מיר דעם פריהלינג ליבען בעטען,
וועט ער ברענגען אונז א פייגעלע אהער...

ווייסטו אז דער פריהלינג איז שוין אנגעקומען
דא צו אונז אין שטאט אריין?—
און האט ער נישט געטראפען דא קיין בלומען;—
וועלען מיר פאר איהם די בלומען זיין
וועט ער בלייבען צוליב אונז אליין...

.8

מיר פרעהען זיך, מיר פרעהען זיך,
דער פריהלינג ווינקט צו אונז און לאכט;
מיין ליבינקע, טו אן דיין נייע קלייד
וואס דו האסט זיך געמאכט!

מיין ליבינקע, טו אן דיין נייע הוט
און קום! און קום מיט מיר,
דער דרויסען איז דאך אזוי לינד
און רופט אויפן שפאציר.

דו זעהסט, די זון פארגעהט שוין באלד
א קיהלער ווינטעל וועהט,—
און שושקעט אין די אויערען דעם סוד—
פון אוועלטליכער פרייד...

.9

מיט דער זונס פארגעהן און אויפגעהן
ווינט מיין לעבען זיך, און וויגט.
אין די בונטע מארגענשטראהלען
אין די רויטע אווענטשטראהלען
שטריקט מיין טרוימען־נעץ זיך, שטריקט.

אין די בונטע הימעל־פארבען
שווימט ארום מיין צארטער בליק.
באדט זיך אינ'ם פורפור־פייער

טוקט זיך אין דער בלויער בלייכקייט,
שמייכעלט ווי א קינד אין וויג...

**10.**

פרעהליך ביזטו אויפגעשטאנען,
פון דיין בעט אראפגעשטיגען;
האבען זיך גענומען וויגען—
אויף דיין פנים, שטראהלענזאנגען.
צו דיין אויער איז דערגאנגען
דאס געזשום פון יונגע פליגען,—
אויף די העל־באזונטע שויבען;
און א קלארע בלויקייט
האט צו דיר פון ריינעם אויבען,
מיט א קינדיש־צארטער טרייקייט
ליב אראפגעלאכט...
האסטו צוגעמאכט די אויגען
אויף די קניה זיך איינגעבויגען,
זיך פארטראכט— — —
— — — — — —
קיין אייןווארט ארויסגערעדט— —
אין דיין אויפגעהעלטען צימער,
האט אין שפילענדיגען זונענשימער
אומגעשוועבט א שטום־פארטראכט געבעט...

**11.**

קליינע ליידען, קליינע וועהען—,

מיט א טרעהר און שווארצע טויטע נעכט,
קאן מען זיי ארונטערשווענקען
פונם הארצען:
און ווען דער נייער טאג—א געראטען קינד
געבארען ווערט,—
קאן מען זיי נישט מעהר געדענקען.

קליינע ליידען, קליינע פיינען
ווערען פון א קליינעם שטראהל צוגאנגען;
ווערען אפגעמעקט, פארווישט,
פונם הארצען:—
ס'האט די זון אזעלכע צויבער-קלאנגען
ווערט מען פון זיי אפגעפרישט...

.12

צווישען שטערען שיינענדיגע, בין איך א זון
און שיין מיט זיי און בלענד מיט זיי אינאיינעם:
און אין נעכט אין פינסטערע.
וואס שלינגען איין אלע שטערען דאן ביז איינעם,—
בין איך א שטערען אן איינאיינציגער,
בין איך א שטערען אן איינאיינציגער—
און כ'ווארף זיך אום אין דער געדיכטער פינסטערניש
בעלייכטענדיג מיין איינ'נעם שמאלען וועג,
אין וועלכען איך מוז אומשוועבען...

.13

מידע הערצער טרינקען זון,
ווערען זיי דערפרישט דערפון,
און אויפגעפרעהט.

עפענט יעדער גאלדנער שטראהל
אויף פאר זיי א קוואל
פון קוועלענדיגער פרייד,
פון טרעלענדיגער פרייד.

קראנקע הערצער טרינקען זון
ווערען זיי געזונט דערפון
און אויפגעזעלט,
ווי פון גוטען אלטען וויין
אין די קעלערען פארשטעלט...

.14

זון-פארפלייצטע וועגען:
פלייצט א דימענטענער רעגען,
פאלען שטראהלען איבער פעלדער, וועלדער
טרינקען זאנגען און זיי ווערען רייפער;
שימערען ווי גאלד'נע פעדערען,
וויגענדיג זיך אינם יונגען פעלד...

זון-פארפלייצטע וועגען:
ס'האלט דער טאג אין האפטיגען באוועגען.
מינעט זיך אין אלערליי שאטירונגען,
בייט די פארבען יעדע ווילע אום,
גליהען לוסטען אויף ווי פלאמען,
און פלאקערען ארום דעם הארצען...

זון-פארפלייצטע וועגען,
אנטפלעקט פאר מיר זיך א פארמעגען

אוצרות, אוצרות פרייד פון איבעראל!
ברייטער ווערען אלע שמאלע ווינקלען
פארלירט דער אומעט זיך ווי א גרויער טראפען
אינ׳ם גאלד׳נעם ים פון זוניגקייט.

.15

אין מיטען הייסען זומער־טאג
געהט עמיצער אין פעלד ארום:
פון נאהענט קאן מען איהם נישט זעהן,
בלויז פון דער וויטען זעהט מען איהם;—
א שלאנקער גאלדענער אטלעט
געהט שטיל ארום אין תבואה־פעלד,
זיין פנים לאכט און גלאנצט און שיינט
אט בויגט ער איין זיך דא און דארט
און קלייבט, און קלייבט און קלייבט;
אזוי קלייבט ער א גאנצען טאג,
די שטראהלען פון דער זון צונויף,
וואס פאלען אינ׳ם פרייען פעלד.
און אז דער אוונט קומט אן ראז,
עס זעגענט זיך די זון, פארגעהט,—
ווערט נעלם מיט דער רגע באלד
דער שעהנער גאלדענער אטלעט,
עס זעהט זיך ווי ער בלייבט אוועק
מיט בינטלעך שטראהלען אין די הענט,
און בלייבט ניט— — —

.16

איך בין נאך אין מיטען בליהען

ס'איז מיין זון אין הימעל מיט;
זינג איך פריי מיר מיינע לידער—
פון מיין לעבענספרייד צובליהט!

זינג איך פריי מיר מיינע לידער
לעב איך פריי מיר מיינע טעג;—
ב'קוק אויף קיינעם ניט ארום-זיך
זון נאר זעה איך אין מיין וועג!

* * *

איך קלייב צונויף די בלישטשענדיגע טראפענס
וואס לאבענדיגע זונען האבען דא פארשפריצט,
וואס לאבענדיגע שטערען האבען דא פארבליצט.
איך קלייב צונויף די בלישטשענדיגע פערעל
אויף די וועגען;
די בלישטשענדיגע פערעל
פון דער פערעלדיגער פרייד...

פלוצלונג...

פלוצלינג צעוויינען זיך קלייניקע קינדער
אינמיטען דער נאכט פונם שלאף, אויף א קול.
כאפט זיך די מאמע אויף, גיט זיי די ברוסט:—
די קינדערלעך וויינען נאך אלץ אויף א קול...

ווייסט נישט א מאמע וואס איבערצוטראכטען,
גלעט זי די קינדערלעך, קושט זי זיי פיעל.
די קינדערלעך הערען ניט אויף אלץ צו וויינען,
ווארפען די ברוסט אפ, און ווערען ניט שטיל.

ס'ווייסט ניט א מאמע: אז ס'איז פאראנען
א גייסט אזא שלעכטער, וואס האט נישט היין רוה;
קומט ער צו קינדער וואס שלאפען און טרוימען
און גנב'עט ביי זיי די חלומעלעך צו:—
וויינען די קינדער און האבען קיין רוה.

# שטאָט - פרייד

* * *

לאכט דאס יונגע פעלד, און ציערט זיך
אינ׳ם גרינעם קליידעל,
חנדעלט זיך צו איהר דער הימעל:
„ביזט א שעהנע מיידעל״

לאכט די ריזען־שטאט מיט חוצפה
ווילד, מיט אויגען ברוינע;
אויסגעציערט, פארפוצט, פארבשמימ׳ט
ווי א שעהנע זונה...

נאך דער יונגער פעלדער־מיידעל,
פונדערווייטענס בענק איך,
אנן דער שעהן-פארפוצטער זונה
מיין נשמה שענק איך...

איך וויל ניט!

איך וויל ניט געדענקען, מיין גרויע, מיין דונקעלע קינדהייט,
איך וויל ניט געדענקען די יאהרען די עלענדע טריבע, —
וואס האבען מיין קינדישע זעלע פארהילט אין טומאנע רעיונות,
פארלייקענען וועל איך מיין ליבע
וואס בינדט מיך צו יענע מקומות
מיט בלייבע זכרון־חלומות...

זאל רוהען מיין דונקעלע קינדהייט אין עלענדען קבר!
איך וויל ניט די פינסטערע קרענקליכע גייסטער דערמאנען;
פארוועלקט איז געווארען מיין קינדישע הייליגע לוסט־צייט,
זאל יעצט נישט מיין יוגענד פארוויאנען
דורך בענקענדע שטונדען,
פון עבר־יסורים און וואונדען!

איך וועל זיך אליין א נחמה, און רגע׳ס און טריבע בעשאפען
און איינרעדען וועל איך מיין הארץ, און פארוויגען:

אָ! הארץ מײנס, אָ! הארץ מײנס, עס האט נישט דאס לעבען קײן קינדהײט!
עס איז א באהאלטענער ליגען,
צו מאכען די לעבענסלאסט שווער־ער!

אָ, הארץ מײנס! א, הארץ מײנס! זעה דעם פראכט פון די רוישיגע גאסען!
הער דעם קלאנג פון דעם שאפענדען כאאס! דעם רעש און געפילדער,
ווארף ארוים פון דײן טונקעלען־טיף די
שטום נאגענדע בענקשאפט
דאס לעבען א טאנץ איז א ווילדער!
דאס לעבען א טאנץ איז א ווילדער!

* * *

אָ! וואונדערשטאט! דו פלאקערסט אויף
פון פריהען מארגען,
פארטומעלסט און פארשטורעמסט
דיינע אייביגע זארגען.

צודרעהסט זיך אזוי ריזיג-שווער
אין דיינע קרייזען,
דו ווארפסט זיך אום מיט פלאם און ליכט,
און שפייסט מיט אייזען!

א וואונדערשטאט! א צויבערשטאט!
דו פלאם, דו בונטער,
פארברענסט די טעג אויף קויל און ווארפסט
זיי ראש ארונטער!

אָ, וואונדערשטאט! אָ צויבערשטאט!
דו פלאם דו בונטער!

איהר אלע, אלע אין די דערפער ווייט!
אין גרינע וועלדער איינגעטונקען,
איהר אלע, אלע וועט דורך טויזענט וועגען
קרומע און פארדרעהטע;—
פון די ווייטסטע שטרעקען,
און די פארוואָרפ'נע עקען.
איהר אלע, אלע וועט צו מיר נאָך קומען!
די קלארסטע הערצער אייערע מיר ברענגען
אויף מיין מזבח צו פארברענען.

אין מיין לאבירינט
פון תאוה, און פון גאלדיג־שעהנער זינד
וואו עס שאלען
און עס רופען טויזענט מעכטיגע סיגנאלען
כ'וועל עפענען פאר אייך די קוואלען
פון מיין שטארקסטער פרייד!—
און טויזענט ליבטער וועלען אייך בעשטראהלען!

איהר אלע, אלע פון די פרייע פעלדער,
איהר אלע וועט נאך קומען אין מיין שטיינער־רייך!
פארלאזען וועט איהר וואלד און טייך
און שטילע רוה.

און אנקומען צו מיר
אין מיינע אייזען ארעמס זיך אריינוווארפען—
מיט ברענענדיגער לוסט,
און פלאמענדיגער תאוה!

און איהר וואס רייסט זיך ניט פון אייער שטאם,
און איהר וואס ריהרט זיך ניט פון ארט,—
צו׳ן אייך וועל איך אליין נאך אנקומען,
און ווילד אויף אייך ארויפוואַרפען זיך דאן!
און וועל אייך מיט געוואַלד
פון אייער שטאם אראפפליקען!

האט די זון.

האט די זון געווארפען פליאכטעס גאלד;
איז דער טאג אין גאלד ארומגעשוואומען,
האבען שטראהלען, פארביג־שעהן געמאלט
זייד־קאלירענדיג די זומעדדיגע בלומען...

האבען קינדער אויף די גאסען זיך געפרעהט,
האבען אויגלעך העל געשיינט און מונטער;
האט זיך אין דער לופט ארומגעדרעהט,
א רעגענבויגען ווערענדיג אלץ בונטער...

האט געלאכט די שטאדט, און האט געלאכט;
האבען גאסען טרוקענע און גרויע,
ווי פון דרימעל פלוצלונג אויפגעוואכט,
זיך פארקוקט אין הימלען ווייטע, בלויע...

* * *

וועט פייערען די שטאט אזוי און ברומען,
ביז די נאכט, די שפעטע נאכט וועט קומען.—

פון פאבריקען וועלען אויסגעשפיגען
ווערען, מיד און מאט די מענשען־פליגען.

וועלען זיי זיך דורך די שמאלע ראגען
אין די רוה־לעכער מיט אימפעט יאגען.

זיך באגעגענען מיט פרויען־אויגען ווייבע
און מיט קינדער, שווינדזיכטיגע, בלייכע.

וועלען זיי דעם קראנקען הונגער שטילען,
און נאך מידער, און נאך שוואכער פיהלען.

וועט דער שלאף די אויגען זיי פארקלעפען;—
ווי די פגרים אין די בעטען שלעפען...

## ער...

ער האט די טיר מיט בעס א קלאפ געטון
און איז אין גאס ארויס, דאס פנים בלייך:
אין אויער האט איהם נאך געקלונגען זיינע אייג'נע בייזע רייד,
ער איז געגאנגען אין דער לענג פון גאס,
געגאנגען גלייך.

און פלוצלינג האט ער זיך א ווײלע אפגעשטעלט,
געטראכט, מיט אויגען פינסטערע און שטארע,
פול מיט פיין.
ער האט זיך אין א זייטיג געסעלע אריינגעדרעהט,
און איז אין א סאלון אריין.

און ווען ער האט די צווייטע גלאז געהאלטען אין זיין האנט
האט ער מיט צייהן פארקריצטע שטום אין זיך
בייז און פרעך געפלוכט...
ווילד ארומגעקוקט זיך דארט אויף אלעמען
און עמיצען געזוכט...

און ביי דער דריטער גלאז איז איהם דער קאפ
געווארען שווער, געוויכטיג ווי א שטיין.
און פאר זיין נעבעל־בליק האט ער פאר זיך דערזעהן
זיין פרוי, צושראקען, בלייך,
און אין זיין אויער האט געקלונגען איהם
זיין קינדס געוויי...

* * *

עס האט דער גרויסער נאכט־ריז זיך געראנגעלט מיט דער שטאט,
אויף איהר געוואָרפען זיך מיט זיינע אונזיכבארע מוסקעל־הענט
און האט אויף איהר געטראטען,
ווי א יעגער אויף א ווילדער שלאנג;—
ביז וואן עס איז געלונגען איהם
צו איינשליסען איהר מויל, און איינשטומען איהר לעצטען קלאנג.

עס האבען אלע קארס זיך ערגעץ אפגעשטעלט,
בלויז זעלטען ווייזט זיך איינע, און פארשווינדט
ווי א פארבלאנדזשעט קינד
פון א פרעמדער וועלט.

צוגעשלאסען אלע קראמען, שטום,
און ביי די שייד־וועגען געהען געמיטלעך זיך ארום
די היטער פון דער שטאט, (זיי שלאפען ניט)
פון צייט צו צייט געהט איינער צו צו'ן א קראמען־טיר,

און גיט דעם שלאס א ריהר,
און געהט אוועק
אין ווייטען גרויען וועג.

פאָנארען בליצינגע, עלעקטרישע, בעוואכען יעצט די שטאט
זי שלאפט די שטאט
דער שטאל און אייזען גאט.

א ים מיט אייזען האט זי דורכ׳ן טאג מיט טייפעל-דורשט
אין זיך אריינגעזויגען.
א ים מיט אייזען דורכגעשמאלצען אין די פייער־אויוועגס איהרע,
און אין וואונדערבארע פורעמס זיי אריינגעגאסען.
א ים מיט שוויים, און בלוט, און קראפט און מארך
האט זיך איהר שטיינער־הארץ גוט אנגעזופט,
און געשטארקט געווארען.
איצט ליגט זי שטום.
און סאפעט אזוי מיד;—
דאך אויך איהר שטילער שוויינען איז אזוי אונרוהיג און שווער.
אזוי הארט!
אזוי אייזענדיג!

* * *

א גאַנצע נאַכט וועט אַזוי דער רעגען פֿויל זיך קאַפּען,
און וועט זיך ווי מיט קאַצענפֿינגער אויף די דעכער דראַפּען,
און אויף די גלאַטע שויבען וועט ער פּייקלען און זיך קלאַפּען.

קיין מענש וועט זיך ניט ווייזען שפּעט אין פֿוילען טראָפּען־רעגען
ליידיג וועלען הילען זיך אין אומעט אַלע וועגען,
וועט אומטאַנצען און אומגלאַנצען אויפֿ'ן אַספאַלט דער רעגען.

און וועט דער שלאָף פֿאַרלאָזען דאָן אַ מידען מענש אַ קראַנקען
וועט הערען אין דער נאַכט־שטילקייט דעם פֿוילען רעגענס בלאַנקען
קומען וועלען איהם אין זין טויט־פֿינסטערע געדאַנקען.

## א טאג

א טאג פארגעהט;
ער קומט צוגעהן, און אײלט זיך אין זײן װעג;
װײל הינטער איהם שױן שטעהען נײע טעג,
און װילען אין דער װעלט ארײן
מיט זײער ביסעל שײן
מיט זײער ביסעל נחת, אדער פײן.

א טאג פארגעהט:
הינטער איהם באפעהלענד שרײט,
די אײביג־אונרוהיגע אײביגקײט;
ער יאגט די װעלט פארבײ
װי א װינט,
און ער פארשװינדט...

א טאג פארגעהט;
עס האט איהם גאט אײן זון געגעבען בלױז;
שפאצירט ער זיך מיט איהר דעם הימעל אױס
און פאלט אראפ מיט איהר אינאײנעם,
בלײבט פון איהם און איהר
אן אנדענק פון א ראזען חלום פון א שעהנעם.

א טאג פארגעהט;
עס לויפט איהם נאך די בלינדע אלטע נאכט
און וויל מיט שווארצער מאכט,
די זון אוועקרייסען פון זיינע הענט,
און זי צושמעטערען,—
ווען זי וואלט איהם נאר אנכאפען געקענט...

דער טאג פארגעהט;
ער לעבט נישט מעהרער ווי א שמעטערלינג.
ער הויבט פון מזרח אן זיין וועג צו געהן,
און ביי דעם מערב בלייבט ער שטעהן
און דארטען טוט ער אויס זיין זונענקרוין
און לייגט אין קבר זיך אליין אריין.
מורמלענדיג פון דארט,
זיין שטיל געבעט,
זיין לעצטעס ווארט;
אזוי דארף זיין! אזוי דארף זיין!

דער אווענט דעקט איהם מיט א גרויען ליילעך איין.

צו...

און ווי פארברענגסטו דיינע טעג אליין
אין צימערעל ביי דיר, אין ענגען צימערעל ביי דיר,
אין טעג ווען קיינער קומט צוגעהן צו דיר?
מיט שברות ווילד געלעכטער? אדער קינדישען געוויין?
ווי פארברייננסטו דיינע ריינע טעג אליין?—

צי אפשר ווייסטו גארניט פון אזעלכע טעג,
צי אפשר ווייסטו גארניט פון אזעלכע שטילע נעכט?
און שווארצער שווארצער ווערט דיין גרויסער פלעק,
און גלייכגילטיג קוקסטו פון זיך,
און פון דער וועלט אוועק?

צי קומט כאטש ווען ארויף אויף דיין געדאנק,—
א היים, א פריינד, א קינדהייט וואס האט לאנג
פארגעסען שוין אין דיר?
דו שעהנע, שטילע דו, דערצעהל עס מיר!
דו שעהנע, שטילע דו, דערצעהל עס מיר!

* * *

אפט ביזטו מיר געפעלען ווי דו ביזט,
דיין זינדיגקייט בעקומט א סודות׳דיגען פראכט:
איך וואלט מיין לעבען מיט דיין זינד פארזיסט,
איך וואלט דיין זינד מיט סודות פול געמאכט.

איך וואלט פארטריבען פון דיין טיר די הינט,
און וואלט דיך פון דיין עלענדקייט בעפרייט,
די טעג, וואס זיינען דיר אוועק אין זינד:—
א סודות׳דיגע לוסט־פערגאנגענהייט!

איך וואלט פון דעם א סך א סך געטראכט,
דיין עבר וואלט געריצט די געגענווארט!
און אייביג וואלט איך דיך געליבט מיין קינד,—
אין זכות פון דיינע שעהנע עבר־זינד...

# ווינטער

.1

דער גרויסער פראסט וואס האט זיך מיט זיין ווילדער מאכט
אין שטאט אריינגעריסען, אין מיטן פון א ליכטיגער לבנה־נאכט;
האט ביזן העלען טאג די שטאט געהאלטען פעסט נאך אין זיין צוים,—
און מיטן גרויסען טאג האט זי זיך אנגעהויבען ריהרען קוים.
זעלטען, זעלטען האט א קאר געוויזען זיך מיט לייכטען גאנג—
צעווארפענדיג דעם שניי פון ביידע זייטען, האט זי ווי א שלאנג
מיט ווייסע וואנצעס אויסגעזעהן; וואס קריכט אהן כוח,
און הוידעט ווי א שיפעל זיך און שניי־פלום אויפ'ן בויך...

א קלאר באחנ'טער הימעל האט גוטמארגענדיג אריינגעלאכט
זיין ראז־פרישען געלעכטער, און אויסגעזעהן, ווי ס'וואלט די נאכט—
מיט פראסט איהם אנגעטרונקען, פרעהליך איהם געמאכט.
מיט אייזבלומען און בוימער אלע פענסטער זיינען אויסגעקריצט:
און אויף א הויכען מויער האט א ראזער שטראהל באשפריצט
די פענסטער אלע מיט א רענענדעל פון רויטען זונענגאלד,—
ווי מיט א מאלער־פינזעל האט ער דימענט־פארביג שעהן געמאלט
די גרוי בלומען; געוואלט זיי ווייזען אין א זומערדיגען גלאנץ
דאך מיט די רגע'ס האט דאס גאלד פארבלייכט; א שאטען פון א פלאנץ—

האט זיך געוויזען אויף די שויבען מיט פראסט פארהילט:
„עס האט א יונגער שטראהל מיט ווינטערבלומען זיך פארשפּיעלט“
האט זיי געגלעט, געקושט, ביז וואן ס'איז איהם אליין געווארען קאלט
פון זיי, און איז אנטלאפען צו זיין זון, צוריק אין שטראהלען־וואלד...

2.

אויסגעשלאפען זיך די נאכט,
און א מונטער'ער אויפגעוואכט.

קוק איך אויפן גאס ארויס:
ווייס די גאנצע וועלט דורכאויס— —

קוקט דער הימעל שטיל און בלוי,
און דער שניי איז קלאר אזוי...

הארץ מיינס, הארץ מיינס, זעה נאר! זעה!
וויפיעל זילבער! וויפיעל שניי!

וויפיעל ווייסע פרייד־מוזיק!—
וויפיעל שענקייט פארן בליק!

מיט דער פולער, פולער האנט,
נאט באשענקט האט אונזער לאנד.—

מיט זיין ווייסער הימעל־פרייד,
אלע וועגען אויסגעשפּרייט...

3

עס ליגט אין דעם ווינטער בעהאלטען א זעלטענע שענקייט,
אפילו אין טעג כמורנע, גרויע, אין טעג ווען קיין איינציגער שטראהל
קוקט אויף דער ערד נישט ארונטער, דאך ברייט איבעראל
ציהט ארונטער דאס אויג צו דער ערד צו די זילבערנע ריינקייט פון שניי
און דער שניי,—
בעהאלט אונטער זיך אזא ליכטיגען חלום,
דעם חלום פון הימלישער רוה...

עס ליגט אין דעם ווינטער בעהאלטען א זעלטענע שענקייט:
אין טעג מילדע, שטילע, אהן שטורם אהן פראסטיגען ווינט,—
שטעהט ערגעץ און קוקט דורכן פענסטער א קליינינקעס קינד,
און בלענדט זיינע קינדישע אויגען און שנייאיגער ריינקייט,
רעדט דער שניי צו דאס הארץ פונם קינד מיט זיין אונשולדיג שמייכעל,
רעדט דאס קינדישע שמייכלענדע הארץ צו דעם זילבערנעם שניי
בליהט א פרייד זיך, א זוניגע העלע פאנאנדער;
ווערט געבארען א חלום, א הלום פון קינדישער אונשולד

בלייבט דער חלום א סוד אין די קלארווייסע הערצער ביי זיי...

**4.**

אין דערויסען שטארקט דער פראסט זיך,
און ביי מיר, ביי מיר אין ברוסט,
רעדט א שטימע, און באפעהלט מיר;
„די מוזט לעבען פריי!" דו מוזט! —

„דו ביזט יונג, אין מיטען בליהען,
זוך א שעהנע מיידעל אויס; —
דו ביזט יונג, אין פריש און מונטער,
נוץ די פרייע רגע אויס!"

„מיידלעך זיינען פיעל פאראנען: —
און דו האסט באגעהרען פיעל!
און דו קענסט פון דיינע רגע'ס
מאכען זיך דאס שעהנסטע שפיעל"...

„מיידלעך זיינען פיעל פאראנען,
האסטו נור אין אויג א פלאם; —
וועלען זיי אין איהם זיך שפיגלען
ווי די שטערען אינם ים"...

„דו ביזט יונג, ביזט פול מיט יוגענד! —
און דאס לעבען לאכט ארויס, —
פון דיין מינדעסטער באוועגונג,

נוץ די פרייע רגע אויס!

מיידלעך זענען פיעל פאראנען,
און דו האסט באגעהרען פיעל:
איז דען פאר דער פרייער יוגענד
וואו פאראן אן אנדער צאל?

.5

עס האבען זיך שטורעמס מיט שטורעמס געשלאגען,
און האבען געוואלט איינס דעם צווייטען דעריאגען.

זיי האבען זיך מיט א געפייף מיט א שארפען
איבער די ריזיגע וואלקענס געווארפען;—

און האבען די וואלקענס אין שטיקער צושלאגען,
און האבען זיי ברייטער פאנאנדערגעטראגען:—

עס האט זיך געהערט אין דערקופטען א קלאגען...

---

עס האבען זיך שטורעמס מיט שטורעמס געשלאגען,
און האבען פון הימעל די וואלקענס צוטראגען.

די גרויקייט די טריבע האט גיך זיך צושוואומען,—
און דורכ'ן געפעבט פון די שטורעמס; געקומען—

א טאג איז פון לויטערען הימעלבלוי, נייקייט,
פון שענקייט און ריינקייט, און זוניגער פרייקייט.—

דער שניי האט געשמייבעלט מיט דאנקבארער
טרייקייט...

.6

אין מיר לעבט א אינגעלשע לוסט נאך א פרייע
און נעה איך אין גאס, געה איך טיפער אין שניי,
און זעה איך די אינגלעך זיך גליטשענדיג זארגלאז,
כאפ איך א ווייליגען גליטש גלייך מיט זיי...
איך בין נאך א אינגעל, איך בין נאך א אינגעל,
איך האב מיינע יאהרען קיינמאל ניט געצעהלט.
און נאגט מיך אין הארץ וואס, איך הער זיך ניט צו גאר;
איך בין נאך א אינגעל, און פריי איז מיין וועלט— —

אויף מיר האבען ווינטען שוין פיעלע געבלאזען,
געווארפען מיט מיר זיך, געשליידערט זיך ווילד,
דאך איך בין א אינגעל, א אינגעל געבליבען;
און כ'האב מיט די טעג זיך מיט מיינע געשפיעלט...
ביי מיר אין די אויגען די תמוז-זון גליהט נאך
באטש אפט ציהען כמארעס אין זיי גרוי פארביי,
ביי מיר אין מיין הארצען די ליבע גליהט פלאמיג;

די קינדישע ליבע וואס איז אזוי פריי!

פרעגט ביי די מיידלעך וואס איך האב געליבט ווען,
און פרעגט ביי די מיידלעך וואס כ׳ליב נאך אצינד;—
זיי וועלען אייך אלע דערצעהלען:
אז איך האב געליבט, און אויך ליב ווי א קינד...
איך בין נאך א אינגעל און כ׳קאן ניט פארטראגען
די רייד פון אן אלטען ערפאהרענעם נאר.—
וואס זעהט אינם לעבען בלויז פינסטערע ווינקלען
וואס זעהט אינם לעבען בלויז צער און געפאהר.—

וואס ליגט דורך די טעג אין זיין נארע בעהאלטען,
אזויווי א מייזעל וואס שרעקט פאר א שטראהל,
וואס האט ניט קיין יוגענדליך פלאם אין די אויגען
און טראגט אין נשמה א ביטערען קוואל...
אין מיר לעבט א אינגעלשע לוסט נאך א פרייע
דער ווינטער צוגליהט נאך מיין איגנעלשקייט מעהר,
זיין קעלט איז מיר ליב ווי דער דופטיגער זונשיין,
זיין שניי און זיין שטורם: מיין גרעסטער באגעהר!

טרעפט א טאג ווען אין דערויסען האט דער פראסט צוגליהט זיך ווילד,
און א ווינט מיט שפיזענפינגער האט זיך גזלנדיג צוברילט;
נעמט אן פולע הענט מיט שניי־זאמד, און צוטראגט עס און צושיט;
יעדער שניי־אטאם באזונדער ווי א פונק איז הייס צוגליהט...
פאלט ער ווען אויפ'ן פנים שמארצט ער, שטעכט ער, און ער בריהט;—
און אין אזא טאג א ווילדען טאנצט מיין בלוט אין מיר און שרייט,
ווילדער! ווילדער ווערט דאס הארץ מיינס יונגער, יונגער ווערט מיין זעל!
גרויסער שטורמפראסט! א נעם מיך אויף דיין ווילדער שטורמוועלט!
טראג מיך פריי אין דיינע ארעמס! ווארף זיך אום מיט מיר פארשייט!
ס'איז מיין הארץ געפילט מיט שטורם, און עס ווילדעוועט און שרייט!

גרוסער שטורמפראסט! עס ציהט מיך, און איך קאן ניט זיין בארוהט,
ס'ברענט א גיהנומדיגער פייער, אין מיין יונגען, יונגען בלוט!
ס'האבען עס די אסיען־רענענס קיינמאל אויסלעשען געקענט,
און דו האסט איהם מיט דיין ווילדקייט, שטארקער, שטארקער אויפגעברענט!

נעם מיך אויף אויף דיינע פליגלען, פליה מיט מיר אין לופט אוועק
אין די פרייע לופטען זוכט מיין זעלע אימער אימער זיך א וועג,
אין די פרייע ברייטע לופטען בלאנדזשעט שטענדיג אום מיין בליק,
פון די פרייע הימעל־לופטען שעפט דאס הארץ מיינס איהר מוזיק;—
די מוזיק וואס מאכט מיין יוגענד אזוי רויט און שטורעמדיג!—
כ'וועל מיט דיינע ווייסע קודלעס זיך פארהילען מיין געזיכט,
איך וועל פליהען, און וועל פיהלען ווי דיין מעכטיגקייט רעגירט!

גרויסער שטורמפראסט! א חבר פון מיין שטורעמדיג געמיט,
דו טראגסט אין דיין פלאמענפיבער די נשמה פון מיין ליד!
דו צוטראגסט די ווילדע טענער, און דו זינגסט זיי אזוי שעהן;—
ווער קאן נאך די שטורמלידער, אזוי טיף ווי איך פארשטעהן?!
אין מיין אויטר קלינגען קלאנגען, מעכטיג וואוטענדער געברום,
לידער גרויסע, וועלכע מוזען פאר די מענשען בלייבען שטום!
לידער גרויסע, ריזען לידער, לידער אהן א שיעור!
ווילדע לידער וועלכע בלייבען שטורעמדיג אין בלוט ביי מיר...
גרויסער שטורמפראסט! איך וועל די לידער אלע אויסזינגען פאר דיר!—
דו אליין וועסט זיי פארנעמען, דיר איז היימיש זייער טאן;—
ווייל דו ביזט מיין בלוטען־חבר, שטימסט מיין בלוט צו זינגען אן!

## 8.

צו אונז איז דער ווינטער געקומען אין לאנד ווי א גברן בעפאנצערט מיט
שארפע כלי־זיין,

מיט שנייען פארשאטען די וועגען און שטעגען; מיט וואיענדע ווינטער
ארמייען—

געלאזט אויף דער רוהיגער לופט זיך, געקנאקט און געשאסען מיט לופטיגע
גליהענדע פיילען:

ווי ס'וואלטען הונג'ריגע וועלף ווילד־צורייצטע געיאגט זיך אויף מיילען
און מיילען,

אזויווי דער יאמער פון וועלטען פערצווייפעלט וואס פיהלען דעם שרעק פון
דער גסיסה;—

און זעהען פון ערגעץ קיין הילף ניט און זעהען פון ערגעץ קיין רעטונג,
אזויווי דער צארן פון תפיסה

וואס ליגט הינטער קאלט־דיקע ווענט א פארשפארטער וואלט לויז זיך
פון דארטען געריסען

און יאגט אין דער לופט זיך משוגע פון פרייקייט, און טראגט זיך אהן
זינען, אהן וויסען

ווי ס'וואלטען איהם טייפעלשע גייסטער געיאגט; אום מיט שווארץ־בייזער
מאכט איהם פארהאלטען:—

צוריק איהם אויף קייטען פארקאוועט און ווידער פארשליסען זיין מויל מיט
א שלאס מיט א קאלטען,

אזוי־ווי א שדים־געלעכטער, וואס ווארפט אן א קאלט־שווארצע־מורא
ארומעט

א מורא וואס רייסט אויף די נערוועז, און לאזט דאך קיין שאטען פון
אומעט.

אין אונזערע פריי ברייטע פריירים פיהרט דער ווינטער זיין גרויסע ממשלה
מיט וואונדער:

קייקלען שטורעמס זיך ווילדע אויף בערגער, פאלען שטורעמס און טאלען
ארונטער,

אין אונזערע פריי ברייטע פריירים צאפעלט פריש זיך די קעלטפרייד
מיט העלקייט,

ווערט בעליילעכט דער סטעפ אזוי קלארוויים מיט כשוף׳דיג— פרעכטיגער
שנעלקייט!

אין אונזערע פריי־ברייטע פריירים; שוועבט נאך אום שטום און לופטען
א בענקשאפט

נאך יענע ווילד־פרעהליכע שבטים, וואס וויסען קיין צוים און קיין
ענגשאפט...

נאך יענע בראוומוטיגע ריזען גאנצהאַרציג, פון שרעק נישט צושפליטערט

די העלדען אין פעדער־געפוצטע אונטער וועלכע די ערד האט געציטערט!

אין גרוי־אלטע וועלדער געדיכטע רופט א חלום־סוד שטום נאך פון וויטען

אינם הארץ פון די אלט־דיקע שטאמען, ליגט דער כשוף אין טרוים פון
פארצייטען.

און שפרייט אוים דער ווינטער זיין ווייסע תכריכים, קומט דער פרייער,
דער פרעהליבער שטורם;

דערצעהלט ער פון יענע טיטאנען, לעגענדעס: וואס האבען אין לופטען
געפונען זיך זייערע קברים.

.9

איפגעהערט האט שוין צו שיטען ביסלעכוויז דער ווייסער שניי;
און די גרויע וואלקענס, האסטיג־איילענדיג צושווימען זיי,
בלויער, ריינער ווערט דער אויר, ס'קינט דער שניי נאך אונגעריהרט;
שוועבט אויף איהם ארום א ריינע וואונדערבארע פונקענליכט...
פ'לאזט די זון זיך באלד ארונטער, שטעהט ניט ווייט פון מערב־ראנד
באלד: און ס'וועט א ראזער חלום שפרייטען זיך: א גייסטער־האנט—
וועט די זון ארונטערנעמען, און זי וועט מיט איהר אוועק— — —
בלייבען וועט אויף רגעס קורצע ביי דעם זוים א רויטער פלעק...
אויפן שניי א ראזער אפשיין, צויבערליך וועט פינקלען שעהן,
פינקלען פינקלען און פארבלייבען, בלייבען, בלייבען און פארגעהן...

שעהנער ווינטער אווענט, צארטער, מיט זיין גלעטענדיגער שיין:
אהן א בייזען ווינט א קאלטען, עפעס ווילט זיך רוהיג זיין...
ס'האבען מיך די ווילדע שטורמס נאך ניט מיד געמאכט, א ניין!
אבער זעה! עס האט די שטילקייט אפט א כשופדיגען חן...
ס'מוז דער ווילדסטער, פרייסטער שטורם אפט זיך אפרוהען א וויל—
אינם שויס פון מילדער שטילקייט פון זיין שטורמינגען געאייל.
ס'מוז דער גרעסטער, ווילדסטער שטורם אפטמאל ווערען דאך ענטציקט,—
פון דאס רוהיגע און שטילע וואס ליגט טרוימענדיג פארוויגט

און צושפּרייט א שטילען צויבער רונד ארום, ארום, ארום,—
סודות שטילע, סודות ליבע, שפּרייטען אויס א רוה־פּארפום

ווינטער־אָוועגט, טונקלער הימעל, טונקלער ווערט דער ווייסער פּוך:
נאכט קומט נעהנטער; זיץ איך רוהיג און איך בלעטער אין א בוך;
בלעטער רוהיג, בלאט נאך בלאט אליין, ווער צו בלעטערן ניט מיד,
כ'האב הנאה פונם בלעטערען, כ'לייען יא, און לייען ניט...
וואלט אצינדערט ווער געקומען, כ'וואלט איהם אויפגענומען פיין,—
סיגארעטען איז פאראנען; כ'וואלט געהייסען ברענגען וויין
און די שטילקייט וואלט צעווונען, און מיר וואלטען זיך צורעדט
פון פּאעטען און פון לידער און פון פרויען, טואלעט—
וואלט דאס הארץ צוטאנצט זיך פרעהליך און די לוסט וואלט זיך צוגליהט:
וואלט די נאכט אין רויש אנטלאפען גיך מיט שנעלע מיילען־טריט...